**ג. א מענטש וואס נעמט זיין צופרידנקייט פון גשמיות - איז א מגושם**

שמירת הברית: מען טאר נישט זיין קיין פארגרעבטער מענטש | נישט ליגן אין גשמיות | עס מעסט זיך נישט אזוי ווייט אין כמות – ווי אין איכות | א מענטש וואס זיין סיפוק קומט פון גשמיות'דיגע פארגעניגנס – אפילו אויב עס איז נישט קיין סאך בכמות – ליגט ער אבער אין גשמיות | א דערהויבענער מענטש מיינט: זיין סיפוק קומט פון רוחניות | רוב מענטשן עסן און שלאפן צו סאך מכח א דמיון אז זיי מוזן עס האבן | דער אמת: זיי מוזן עס האבן פאר זייער סיפוק – נישט פאר זייער געזונט אדער רואיגקייט | ווען מען עסט ווייניגער ווערט מען הונגעריג נאך סיפוק | דאן עפנט זיך אויף א סיפוק אין רוחניות | שובבי"ם איז לייכטער צו ארבעטן אויף דער עבודה פון שבירת החומר | עס איז דא א סייעתא דשמיא און מען קען אנקומען גאר הויך

א.

## הנה ימים באים: פון שובבי"ם פאנגן זיך אן די ליכטיגע טעג

**שובבי"ם איז ספעציעל געאייגנט פאר אן עובד ה'**

די וואכן פון "שובבים" זענען באקאנט פון אלע ספרים, אז דאס זענען גרויסע טעג. און **א בחור וואס טוט אין עבודת ה' דארף דאס אויסנוצן, ווייל עס איז באמת זייער מסוגל'דיגע וואכן אויף עבודת ה'.**

**די טעג שיינען מיט א באזונדער אור**

אינ'אמת'ן איז פאראן זייער אסאך טעג אין יאר וועלכע פארמאגן עפעס א באזונדערע סגולה, עס איז כמעט נישט דא א קורצער זמן וואס האט נישט עפעס א ספעציעלע סגולה וואס איז מיוחד פאר דעם צייט. אבער אויף די טעג פון שובבי"ם איז פאראן באזונדער שטארקע סגולות; ווי דער אר"י הקדוש האט דאס גאר שטארק אוועקגעשטעלט און אלע מקובלים זענען געגאנגען אויף דעם דרך און האבן שטארק ארויסגעהויבן די ליכטיגקייט פון שובבי"ם.

**גרעסערע שבתים ווי א גאנץ יאר**

די חסידי'שע ספרים זענען נאכמער מדגיש איבער די גרויסקייט פון די שבתים פון שובבי"ם, אז דאס זענען ספעציעלע הויכע שבתים, ממש עפעס גאר מיוחד'ג. דער אמרי נועם האט א גאנצן שמועס איבער דעם, וואו ער איז מפליג איבער דער גרויסקייט פון די שבתים פון שובבי"ם, אז דאס זענען ממש גאר דערהויבענע און ליכטיגע שבתים.

**פון יציאת מצרים האט שבת באקומען א נייעם באדייט**

מען קען עס מסביר זיין על פי פשט: מתחילת הבריאה איז דאך שבת געווען דער טאג פון 'וישבות ביום השביעי', שבת איז געווען דער עדות אויף מעשה בראשית; ווי מען זאגט ביים דאווענען: "זכר למעשה בראשית". אבער זינט 'יציאת מצרים' איז צוגעקומען אינעם שבת א נייע הוספה, דאס איז דער ענין פון 'זכר ליציאת מצרים', אז דאס וואס מיר היטן שבת איז א זכרון אז דער רבונו של עולם האט אונז ארויסגענומען פון מצרים און מיר זענען געווארן זיין עם הנבחר. און וויבאלד אין די שובבי"ם וואכן ליינט מען דאך אין דער תורה די אלע פרשיות פון יציאת מצרים - דערפאר איז דעמאלט א צייט וואס עס ווערט א נייער אור אין שבת! עס ווערט נתגלה אז שבת איז נישט נאר א 'זכר למעשה בראשית', נאר עס איז אויך א 'זכר ליציאת מצרים', דאס איז ווי א נייע התחדשות אינעם גאנצן קדושת שבת! דעריבער **זענען די שבתים פון שובבי"ם באזונדערע הויכע און ליכטיגע שבתים.**

**איין המשך פון שמות ביז נאך שבועות**

אנגעהויבן פון שובבי"ם הייבן זיך אן די ליכטיגע טעג וואס גייט איינס נאכן צווייטן, מחיל אל חיל. באלד נאך שובבי"ם גייט שוין שבת שקלים און שבת זכור, דערנאך קומט פורים, דערנאך קומט שבת פרה און שבת החודש, דערנאך קומט ראש חודש ניסן - וואס גאנץ חודש ניסן איז דאך א ליכטיגער חודש, דערנאך קומט פסח, און דערנאך די ספירה טעג, ל"ג בעומר און דערנאך שבועות. קומט אויס אז פון שובבי"ם ביז שבועות גייט שוין א המשך פון דערהויבענע טעג איינס נאכן אנדערן. על כל פנים לעניננו, דארף מען וויסן אז די איצטיגע שובבי"ם טעג זענען מורא'דיג מסוגל'דיגע טעג אויף עבודת ה'.

**נקודות:**

אינ'אמת'ן איז פאראן זייער אסאך טעג אין יאר וועלכע פארמאגן עפעס א באזונדערע סגולה, עס איז כמעט נישט דא א קורצער זמן וואס האט נישט עפעס א ספעציעלע סגולה וואס איז מיוחד פאר דעם צייט. אבער אויף די טעג פון שובבי"ם איז פאראן באזונדער שטארקע סגולות; ווי דער אר"י הקדוש האט דאס גאר שטארק אוועקגעשטעלט

ב.

## דער דרך פון סיגופים - אמאל און היינט

**עבודת ה' ווערט צעטיילט אויף פארשידענע ענפים און ענפי ענפים**

עבודת ה' איז כולל אין זיך אסאך פרטים און פרטי פרטים, ווי 'קיום המצוות' און 'דקדוק במצוות', 'תיקון המדות' און בכלל אלע ענינים פון 'בין אדם לחבירו', צו זיין א גוטער מענטש מיט גוטע מדות, צו זיין אן 'איש החסד' וואס איז מקיים 'ואהבת לרעך כמוך', און ווער רעדט נאך פון 'התמדה בתורה' - וואס דאס איז דאך דער עיקר עבודת ה'! **התמדה בתורה העלפט ממש אויף אלע ענינים! עס איז א כלליות'דיגע**

**נקודות:**

יעדער מענטש האט עפעס א זאך וואס גיבט אים חיות און סיפוק אין זיין לעבן – איינער פון גשמיות און איינער פון רוחניות. די עבודה פון 'שבירת החומר' איז, אז א מענטש זאל נישט לעבן אויף גשמיות'דיגע תענוגים! זיין חיות אין לעבן זאל נישט קומען פון 'תענוגי הגוף' נאר פון 'תענוגי הנשמה'!

~

מותרות עסט מען נישט ווייל אן דעם איז מען געפייניגט, נאר מען עסט עס כדי צו נעמען 'חיות' דערפון! דאס איז שוין די חלק הבהמי פון תענוגים גשמיים, און די זעלבע זאך מיט שלאפן און אנדערע תענוגים, וואס רוב מענטשן שלאפן מער פון וויפיל זיי דארפן באמת וכדומה

**רפואה אויף אלע זאכן** וואו עס פאדערט זיך א תיקון.

**שובבי"ם איז א זמן צו ארבעטן אויף 'שבירת החומר'**

איינע פון די פרטים - א גרויסער פרט - אין עבודת ה' - וואס שובבי"ם איז א ספעציעלער זמן צו ארבעטן דערויף - איז דער ענין פון 'שמירת הברית'. וואס אין אנדערע ווערטער קען מען דאס רופן: 'שבירת החומר'. כאטש וואס אודאי איז 'אין מקרא יוצא מידי פשוטו' - דער פשוט'ער פשט פון 'שמירת הברית' מיינט אודאי עניני קדושה, וואס דארט דארף מען צוברעכן די גרעסטע תאוה - אבער פונדעסטוועגן דאך מיינט עס נישט 'בלויז' דאס, שמירת הברית איז א ברייטער ענין וואס איז כולל דעם גאנצן ענין פון 'שבירת החומר'. און די וואכן פון ימי השובבי"ם זענען באזונדערע מסוגל'דיגע וואכן אויף דעם ענין פון 'שמירת הברית' און אלע 'ענינים המסתעפים' וואס קומען ארויס פון דעם ענין פון שמירת הברית. מען וועט דא אביסל ארומרעדן נאר איבער דעם חלק פון 'שבירת החומר'.

**אמאליגע צייטן האט מען נישט געקענט זיין קיין עובד ה' אן פראוועון סיגופים**

אין רוב זאכן זאכן פון עבודת ה' דארף זיין דער צוגאנג היינט - פונקט ווי אמאל, גארנישט האט זיך נישט געטוישט אין די אלע עניני מוסר וחסידות. ווי למשל, דער צוגאנג צו 'תיקון המדות', איז נישטא קיין גרויסער חילוק צווישן אמאל ביז היינט, מען האט אייביג געדארפט ארבעטן אויף זיך צו זיין א גוטער און א ווייכער, נישט זיין קיין כעסן און קיין קפדן וכדומה. און אזוי איז מיט אלע ענינים פון עבודת ה'. אבער **אינעם ענין פון 'שבירת החומר' איז היינט דער צוגאנג - אנדערש ווי אמאל**, אין די אמאליגע צייטן פלעגט יעדער עובד ה' פראוועון תעניתים און סיגופים! יעדער האט געוואוסט אז אויב איז יענער אן אמת'ער עובד ה' - איז פשוט אז ער פאסט אסאך טעג און וואכן און ער פייניגט זיך מיט פארשידענע סארט סיגופים. עס איז כמעט נישט געווען קיין אמת'ער עובד ה', וואס זאל נישט האבן כאטש עפעס א געוויסער סיגוף, צי 'גלגול שלג' צי 'טבילות' וואס ער האט זיך געטובל'ט אין קאלטע מקואות, צי דורכן זיך אפהאלטן פון פארשידענע גשמיות'דיגע הנאות; ווי זיך קראצן אדער נישט שלאפן אין א בעט וכדומה, יעדער עובד ה' האט אריינגעארבעט אין דעם אויף גאר א שטארקן אופן, און דאס איז געווען ממש א גרויסער עיקר אין עבודת ה'.

**היינט איז סיגופים נישט דער עיקר דרך**

אבער היינטיגע צייטן איז נישט דער דרך צו מאכן אזא עיקר פון סיגופים, איך האב דאס אליינס געהערט פונעם רב זכרונו לברכה, פון אמשינאווער רבי'ן זכרונו לברכה און פון נאך אסאך פארצייטישע עובדי ה', אז היינטיגע צייטן טאר מען נישט מאכן א גרויסע עסק פון סיגופים - ווי מען האט אמאל געמאכט. ווייל זיי האבן פארשטאנען אז דאס איז נישט געאייגנט פאר די היינטיגע דורות.

**דער גוף איז היינט שוואכער ווי אמאל**

מען קען עס מסביר זיין אויף עטליכע אופנים. קודם כל זענען די היינטיגע גופים שוואכער ווי אמאל, מענטשן זענען נישט אזוי שטארק ווי אמאל. כאטש וואס מענטשן לעבן היינט לענגער ווי אמאל און מענטשן זענען נישט אזוי קראנק ווי אמאל - מיינט דאס נישט אז דער גוף איז שטארקער - נאר פשוט היינט איז פאראהן אסאך בעסערע מעדעצינען און באהאנדלונגס מיטלען צו אפשאפן אסאך פון די מחלות וואס פלעגן אמאל הרג'ענען מענטשן אין גרויסן, אזוי איז אויך היינט דער צוטריט צו מעדעצינען גרעסער, ווי נאר א מענטש שפירט זיך נישט גוט, לויפט ער גלייך צום דאקטער און ער באקומט א מעדעצין באצאלט דורך די אינשורענס (ביטוח). אבער דער עצם גוף איז היינט צוטאג שוואכער ווי אמאל, פארקערט, איינע פון די זאכן וואס שוואכן אפ מענטשן היינט איז טאקע דאס וואס מען נעמט אזוי אפט מעדעצין, וואס דאס שוואכט אפ דעם סיסטעם פונעם מענטש. בכלל, היינט איז א וועלט וואס אלעס איז ארומגעשפילט, גארנישט איז נאטורליך און ארגינאל, וואס דאס איז אויך גורם אז מענטשן היינט זענען זייער שוואך, ווייל זיי באקומען נישט קיין געזונטע נערונג, די לופט וואס מען אטעמט אריין - וואס דאס דארף אריינגעבן כוחות אין די לונגען - איז פארפעסטעט מיט אלערליי כעמיקאלן און גאז. דאס עסן וואס מען נעמט אריין אין מויל - וואס דאס דארף אריינגעבן כוחות און מינעראלן אינעם גוף - איז פראדוצירט און ארומגעשפילט, מען נעמט ארויס פארשידענע חלקים דערפון און מען לייגט אריין אנדערע זאכן, אלערליי כעמיקאלן וואס זענען נישט אזוי געזונט פארן גוף. אזוי אויך האט די טעכנאלאגיע געטוישט דעם גאנצן לעבנס סטייגער אין גאר אסאך הינזיכטן, למשל, ווייל עס איז פאראהן א קאר און אן עליוועיטאר (מעלית) נוצט מען ווייניגער דעם גוף, א דורכשניטליכער מענטש מאכט היינט אסאך ווייניגער עקסערסייז ווי אמאל, דאס לעבן איז אויסגעשטעלט מיט אן א שיעור באקוועמליכקייטן, מען דארף נישט גיין צו ווייט און מען דארף נישט ארבעטן צו שווער. די אלע שינויים פון דער היינטיגער וועלט, האט זייער שטארק אפגעשוואכט דעם גוף! מען קען זיך נאכפרעגן ביי עלטערע אידן וואס געדענקען נאך פונדערהיים, מענטשן זענען אמאל געווען אסאך שטארקער בגשמיות - ווי היינט! אמאל זענען די גופים געווען שטארקער געבויעט, ממילא האט מען מער געקענט אויסהאלטן תעניתים און סיגופים.

**די נערוון זענען היינט שוואכער ווי אמאל**

אויך איז היינט נישטא דער כח הסבלנות - ווי אין די פריערדיגע דורות. אמאל האבן מענטשן געוואוסט אז דאס לעבן קומט מיט פראבלעמען און מען דארף קענען ליידן און סובל זיין, ממילא איז נישט געווען אזוי שווער זיך מסגף צו זיין. ווייל בעצם האט מען געליטן סיגופים אפילו ווען מען האט זיך נישט מסגף געווען, למשל, מען איז אויפגעשטאנען אינדערפרי איז די שטוב געווען קאלט. מען איז ארויס אין גאס - איז מען געגאנגען אין בלאטע, די גאסן זענען נישט געווען אויסגעפלאסטערט, עס איז געווען זאמד און שטיינער. דערנאך איז מען געגאנגען אין מקוה - איז געווען א קאלטע מקוה על פי רוב, און אזוי ווייטער דער גאנצער טאג און הלוך ילך איז געווען פול מיט סיגופים! די נארמאלע לעבן איז געווען שווער! יעדע קלייניקייט איז אנגעקומען מיט שוועריקייטן און מיט שווערע ארבעט! דאס האט גורם געווען אז די נערוון זענען געווען שטארקער, מענטשן האבן געקענט סובל זיין אומבאקוועמליכקייטן, ווייל זיי זענען געווען צו געוואוינט דערצו! זיי זענען אויפגעוואקסן מיט שוועריקייטן און אומבאקוועמליכקייטן! ווידעראום **היינט איז מען צוגעוואוינט צו א באקוועמע לעבן, ממילא האט מען היינט שוואכע נערוון סובל צו זיין עפעס וואס איז נישט באקוועם!** מענטשן זענען היינט פון פאפיר... זיי קענען ממש נישט סובל זיין א קלייניקייט וואס גייט ארויס פון זייער צוגעוואוינטקייט.

**די נשמות זענען היינט נידריגער ווי אמאל**

אזוי אויך זענען די היינטיגע מענטשן נידריגערע נשמות פון 'עקבתא דמשיחא', די השגות און מוחין אין עבודת ה' זענען שוואך און קליין, דערפאר איז נישט שייך זיך אזוי צו מסגף זיין ווי אמאל, ווייל סיגופים גייט געוועגליך אינאיינעם מיט א נשמה'דיגער אור, וואס דאס גיבט דעם 'גבורת הנפש' צו פייניגן דעם גוף. אבער **היינטיגע צייטן - וויבאלד מען האט נישט די אורות און השגות - זענען די כוחות הנפש שוואך! עס איז נישטא די 'גיבורי הנפש' און 'גיבורי הרוח' פון אמאל.**

**סיגופים היינטיגע צייטן קען פירן צו נישט גוטע תוצאות**

דעריבער האבן די גדולי ישראל פונעם היינטיגן דור געהאלטן, אז סיגופים איז נישט אזוי שטארק נוהג היינט. זיי האבן פארשטאנען אז אויב מען וועט זיך מסגף זיין וועט עס ברענגען א 'שבירת הכלים', עס וועט שפילן אויף די נערוון און עס וועט אנשטרענגען דעם מענטש. און דאס קען שפעטער פירן רחמנא ליצלן צו א 'הריסה'. דערפאר דארף מען היינט וויסן אז דער צוגאנג וויאזוי מען איז 'מזכך' דעם 'חומר' - איז נישט בעיקר דורך סיגופים! אודאי דארף מען אויך היינטיגע צייטן טון אינעם

אוהב ישראל פרשת ויחי

**ועל** פגם הברית תקנו קדמונינו ז"ל להתענות ולעשות תשובה בימי פרשיות של שובבי"ם כידוע מספה"ק. והנה הגם שנתמעטו כעת כח הדורות בעוונותינו הרבים ואינם יכולים לעשות סיגופים ותעניות כראוי, עכ"ז מי שנוגע יראת ה' בלבבו צריך להתאמץ בכל יכולתו ולעשות תשובה על זה החטא כי גדול הוא מנשוא. ובפרט בימי פרשיות של שובבי"ם המסוגלים לכך.

ענין פון 'שבירת החומר' - וואס דאס איז דאך א גרויסער עיקר אין עבודת ה' - אבער נישט אויף אן אופן פון תעניתים און סיגופים, נאר אויף אנדערע אופנים; ווי מען וועט שפעטער ארומרעדן.

**זיך פייניגן איז נישט קיין ציל - עס איז א מיטל**

בכלל דארף מען וויסן, אז דער גאנצער ענין פון זיך פייניגן איז נישט קיין לכתחילה'דיגער דרך התורה; ווי עס שטייט אין פסוק (במדבר ו' י"א): "מאשר חטא על הנפש" - דער נזיר דארף ברענגען א קרבן מכפר צו זיין אויף דעם וואס ער האט געזינדיגט. זאגן חז"ל (נזיר כ"ב.): "לפי שציער עצמו מן היין נקרא חוטא" - וויבאלד ער האט זיך אליינס געפייניגט און זיך אפגעהאלטן פון טרינקען וויין, דערפאר ווערט ער אנגערופן א 'חוטא'. זעט מען פונדעם, אז בעצם איז סיגופים נישט אזא לכתחילה'דיגער דרך, נאר מען האט נישט געהאט קיין ברירה, מען האט דאס געמוזט נוצן פאר אן עצה אין עבודת ה', אבער **דאס איז נישט ממש די נקודה פון עבודת ה', עס איז נישט קיין 'ציל' - נאר א 'מיטל', עס איז א זייטיגער וועג וויאזוי אנצוקומען צום זיכוך החומר, אבער בעסער וואלט געווען ווען מען קען אנקומען צום זיכוך - אן דארפן דורכגיין דעם וועג.** ממילא, היינטיגע צייטן וואס דער רבונו של עולם האט אזוי מסבב געווען, אז דער וועג זאל נישט זיין דער מהלך, עס זאל נישט אזוי ווייט העלפן אין עבודת ה', איז דאך זיכער אז מען דארף נישט גיין אויף דעם וועג פון סיגופים, נאר זוכן אנדערע וועגן וויאזוי אנצוקומען צום ציל פון 'זיכוך החומר'.

ג.

# א מענטש וואס נעמט זיין צופרידנקייט פון גשמיות איז א מגושם

**נישט ליגן אין חומריות**

כאטש וואס היינטיגע צייטן דארף מען זיך טאקע נישט פייניגן מיט תעניתים און סיגופים, דארף מען אבער ווייטער ארבעטן אויף 'שבירת החומר'. שבירת החומר מיינט, אז **א מענטש דארף זען נישט צו זיין קיין 'חומרי', קיין פארגרעבטער מגושם'דיגער מענטש, וואס ליגט אין גשמיות** און איז כל כולו איינגעזונקען אין די גופניות'דיגע בהמה'ישע תאוות.

**דער מבחן אויף א מענטש: פון וואו נעמט ער זיין צופרידנקייט?**

אין אנדערע ווערטער: יעדער מענטש האט עפעס א זאך וואס גיבט אים חיות און סיפוק אין זיין לעבן - איינער פון גשמיות און איינער פון רוחניות. **די עבודה פון 'שבירת החומר' איז, אז א מענטש זאל נישט לעבן אויף גשמיות'דיגע תענוגים! זיין חיות אין לעבן זאל נישט קומען פון 'תענוגי הגוף' נאר פון 'תענוגי הנשמה'!** דאס איז דער מבחן וואו ער ליגט, צי אין גשמיות צי אין רוחניות. א נשמה'דיגער מענטש מיינט, אז זיין 'סיפוק החיים' - ווי מען רופט עס אויף ענגליש 'סעטעסטעפעקשאן' - איז העכערע זאכן! עבודת ה' גיבט אים סיפוק און מאכט אים צופרידן! ווידעראום **א מענטש וואס זיין סיפוק קומט פון עסן און טרינקען וכדומה - לעבט ער נישט ווי א חלק אלוק ממעל! ער דאווענט און לערנט טאקע, אבער זיין הארץ און געפיל ליגט אים אין גשמיות פונקט ווי א בהמה!**

**לעובדא ולמעשה: ווייניגער עולם הזה**

דער וועג וויאזוי מען ארבעט למעשה אויף דעם - בפרט היינטיגע צייטן וואס מען איז נישט גורס קיין סיגופים - איז דורך אוועקגיין פון 'מותרות'. דאס מיינט, אז א מענטש דארף זיך צוגעוואוינען נישט צו דארפן אזויפיל גשמיות. ווייל געווענליך א מענטש נארט זיך און מיינט אז ער מוז האבן גשמיות - אסאך מער ווי ער דארף באמת! דאס הייסט, עס איז דא דער חלק וואס מען דארף טאקע עסן אז דער גוף זאל זיין זאט, ער זאל זיך נישט פייניגן אין הונגער. אבער געווענליך עסט א מענטש מער פונדעם, עס איז שוין נישט קיין 'הכרח' - נאר 'מותרות'. די מותרות עסט מען נישט ווייל אן דעם איז מען געפייניגט, נאר מען עסט עס כדי צו נעמען 'חיות' דערפון! דאס איז שוין דער 'חלק הבהמי' פון די תענוגים גשמיים. און די זעלבע זאך מיט שלאפן און אנדערע תענוגים, וואס רוב מענטשן שלאפן מער פון וויפיל זיי דארפן באמת וכדומה.

**מען קען זיך צוגעוואוינען צו עסן און שלאפן ווייניגער**

א מענטש דארף עפענען זיינע אויגן און פארשטיין אז מען מוז נישט אזוי ליגן אין גשמיות, מען קען זיך באגנוגענען מיט דאס ביסל גשמיות וואס מען דארף טאקע האבן. און **מען דארף זיך בפועל צוגעוואוינען צוביסלעך צו שניידן די מותרות פון די תענוגים גשמיים.** דאס איז א זאך וואס האט זייער שטארק צוטון מיט 'רגילות'. ווען א מענטש געוואוינט זיך איין צו עסן ווייניגער און שלאפן ווייניגער וכדומה - וועט ער אליינס זען אז ער האט זיך ביז היינט גענארט, ער האט געמיינט אז מען קען נישט לעבן מיט ווייניגער עסן און שלאפן, און ביז דערווייל זעט ער יעצט איין אז מען קען יא לעבן אן דעם, **עס איז געווען איבריגע מותרות וואס ער האט זיך בטעות געהאט צוגעוואוינט, און איינמאל ער געוואוינט זיך צו אנדערש - פעלט אים עס שוין בכלל נישט אויס.**

**קודם 'סור מרע' - זיך פארשטאפן פון נעמען סיפוק פון עולם הזה**

איינמאל א מענטש טוט זיין חלק פון 'סור מרע' - וועט אויטאמאטיש קומען דער חלק פון 'עשה טוב'. דאס הייסט, איינמאל ער איז אוועקגעגאנגען פון די איבריגע גשמיות'דיגע תענוגים, וועט ער אויטאמאטיש אנהייבן באקומען זיין סיפוק פון רוחניות'דיגע תענוגים. ווייל ווי געזאגט איז דער טבע פון יעדן מענטש אז ער זוכט תענוגים צו ערפילן זיין נפש מיט סיפוק און חיות. דעריבער, ווילאנג ער האט ממלא געווען זיין נפש מיט גשמיות'דיגע תענוגים וואס דאס האט אים געגעבן סיפוק, ער האט געמוזט עסן יעדן טאג א שטיקל מזונות אדער עפעס א נאשעריי, און דורכדעם האט ער געהאט א סיפוק הנפש - זיך איינרעדנדיג אז דאס איז א 'הכרח' פאר זיין קיום - איז ער געווען צופרידן מיט דעם און ער האט נישט געזוכט קיין אנדערע תענוגים, ווייל דער תענוג גשמי האט אים מער ווייניגער איינגעשטילט זיין צמאון הנפש.

**דער 'עשה טוב' קומט אויטאמאטיש - ער הייבט אן שפירן א סיפוק אין עבודת ה'**

איינמאל א מענטש גייט אוועק פון די איבריגע גשמיות'דיגע תענוגים, ער געוואוינט זיך איין צו עסן ווייניגער, ער עסט שוין נישט דעם שטיקל מזונות וואס עס פעלט נישט אויס פארן געזונט פונעם גוף, ער געוואוינט זיך צו אז מען דארף עס נישט עסן און זיין גוף ווערט נישט געפייניגט פון זיך אפהאלטן דערפון - ווערט אבער זיין נפש הונגעריג נאך סיפוק, **ער שפירט עפעס א לאך פון חיות וואס מען דארף ממלא זיין. און וויבאלד ער איז אוועקגעגאנגען פון א גשמיות'דיגן סיפוק - וועט באלד זיין נפש זיך צוקלעבן צו רוחניות'דיגע תענוגים! ער וועט באקומען חיות און צופרידנקייט פון עבודת ה'!** ווייל אינ'אמת'ן גיבט רוחניות אסאך סיפוק, מען דארף נאר האבן דעם הונגער דערצו - כדי דאס צו שפירן.

**אז מען איז נישט הונגעריג - האט מען כמעט נישט קיין הנאה פונעם עסן**

מען קען געבן א משל דערצו פון עסן: טאמער א מענטש עסט זיך אן מיט נישטיגע עסנווארג (דזשאנק פוד) - וואס זענען שטארק באצוקערט און באפעפערט - אבער זענען נישט געזונט פארן מענטש, וועט דער מענטש שוין נישט קענען עסן עפעס אנדערש, ווייל ער איז אנגעפילט ביז איבער די מאס און איז שוין נישט הונגעריג. אבער אויב דער מענטש האלט זיך איין, ער עסט נישט די אלע מאכלים - נאר געזונטע זאכן - דאן וועט ער קענען עסן מיט אפעטיט די אלע געזונטע עסנווארג, ווייל ער איז נאך געבליבן הונגעריג! זיין אפעטיט וועט אים שטופן זיך צו אנפילן מיט געזונטע מאכלים!

**לאז הונגערן דיין נפש ביי גשמיות וועט ער הנאה האבן פון רוחניות**

דער נמשל איז: יעדער מענטש האט א 'רעבון הנפש', דער נפש איז הונגעריג און זוכט סיפוק; ווי דער פסוק זאגט (עמוס ח' י"א) "והשלחתי רעב בארץ לא רעב ללחם ולא צמא למים כי אם לשמוע את דבר ה'"

**נקודות:**

ווען א מענטש געוואוינט זיך איין צו עסן ווייניגער און שלאפן ווייניגער וכדומה – וועט ער אליינס זען אז ער האט זיך ביז היינט גענארט, ער האט געמיינט אז מען קען נישט לעבן מיט ווייניגער עסן און שלאפן, און ביז דערווייל זעט ער יעצט איין אז מען קען יא לעבן אן דעם, עס איז געווען איבריגע מותרות

~

דער נפש צושפרייט זיך נישט אין די גשמיות'דיגע תענוגים! נו אויב אזוי, איז דאך דער נפש נאך געבליבן הונגעריג, דאן וועט ער אויטאמאטיש אנהייבן שפירן א טעם אין א דאווענען און לערנען! דער נפש וועט אנהייבן עסן מיט אפעטיט די רוחניות'דיגע תענוגים און נעמען סיפוק און צופרידנקייט פון דעם! און דאס וועט אים ברענגען אסאך א גרעסערן 'סיפוק הנפש'

>>> המשך בעמוד הבא

# דרכי הצדיקים

מלוה מלכה בעיר ווממס"ב מוצ"ש פרשת ויגש תשע"ח

סיפורי קודש בדרכם של רבותינו הק' זי"ע

• אחד מגדולי וזקני החסידים באמשינאוו היה הגאון החסיד רבי שמחה'לע הרב בסאכיניאוו, שהיה ממש איש צדיק וקדוש, ומופשט מכל הוויות העולם הזה. הוא עוד הסתופף בצלו של הרה"ק רבי איציק'ל מווארקא זי"ע, אבל בעיקר היה חסיד של בנו הרה"ק רבי יעקב דוד מאמשינאוו זי"ע, וגם המשיך לנסוע אל נכדו הרה"ק רבי מנחם זי"ע.

שמעתי מכ"ק אדמו"ר מאמשינאוו זי"ע שאביו של רבי שמחה'לע היה מחשובי החסידים בקאצק, ועוד זכה לנסוע אל הרה"ק הרבי רבי בונם מפרשיסחא זי"ע. פעם הקניטו כמה חסידים בקאצק את אביו של רבי שמחה'לע, על אשר הוא מניח את בנו לנסוע לווארקא, ואינו אומר לו לבא לקאצק. ענה ואמר להם: 'וואס איז דען טייטש קאצק? קאצק איז מוח! יַאך ווייס וואס דרייט זיך ביי אים אין מוח?! אבער דארטן אין ווארקא לערנט ער, און ער דאווענט, זאל ער דארט בלייבען...' (וכי מה זאת קאצק? הרי קאצק היא 'מוח'! וכי אני יודע מה מסתובב לו שם במוחו?! שם בווארקא הרי הוא לומד ומתפלל, שישאר שם...).

• כאשר רבי שמחה'לע היה מגיע לאמשינאוו היה מתנהג שוה בשוה בין החסידים כאחד מן החבורה ממש ולא בלט במאומה, ובשעת עריכת השולחן של הרה"ק רי"ד היה עומד על הספסל (באנק) בין כל האברכים. פעם אחת באמצע עריכת השולחן נכנס יהודי אחד מן העיר 'ראדום' בפולין, שם היה גר רבי שמחה'לע לפני שעקר ל'סאכיניאוו', והזכיר את עצמו לפני הרבי להיפקד בזרע של קיימא. פנה הרבי אל רבי שמחה'לע במעמד כולם ואמר לו: 'שמחה'לע, ער איז דאך דיינס א בן עיר, און דו ביסט דאך פון די ל"ו, פארוואס זעסטו נישט א טובה טוהן דעם איד?' (שמחה, הלא הוא בן עירך, והרי אתה הינך מהל"ו צדיקים, א"כ למה אינך עושה טובה ליהודי הזה?).

וסיפר בנו הרה"ק רבי מנחם מאמשינאוו ואמר: 'הסתכלתי בשעת מעשה היטב על רבי שמחה, וראיתי שלא נתפעל כלל מביטויו של אבי, וכמו אילו היו אומרים אל הכותל שהוא מן הל"ו צדיקים לא היה משתנה מאומה, כך גם לא ראו על רבי שמחה שום שינוי כאשר אמר אבי אליו את הדברים האלו'.

• לרבי שמחה'לע היה בן בשם אליעזר, פעם אחת פרצה שריפה בעירו ונשרף כל ביתו של אליעזר. והרי באותם שנים היתה שריפה אסון גדול, כי לא היה לאנשים כמעט שום רכוש מלבד מה שהחזיקו בבית, ולא היה מי שישלם לו על זה (אינשארינ"ס - ביטוח), הגיע אליעזר לספר לאביו על אשר קרהו. מיד ענה לו רבי שמחה'לע ושאלו: 'לייזער, האסט געמאכט א ברכה'? (אליעזר, בירכת על כך? - כנראה ברכת 'דיין האמת'), ענה לו בנו כי כלל לא חשב על כך, אמר לו רבי שמחה'לע: 'לייזער, וואס איז מיט דיר?! די ערשטע זאך דארף מען נאכקוקן וועלכע ברכה מ'דארף מאכן'! (אליעזר, מה אירע לך?! הדבר הראשון זה לעיין איזה ברכה צריכים לברך!).

• הרה"ק רבי יעקב דוד מאמשינאוו דאג עבור פרנסתו של רבי שמחה'לע, וסידר עבורו את הרבנות בעיר סאכיניאוו. וכאשר בני העיר באו למנותו לרבם, התנה עמהם רבי שמחה'לע שלשה תנאים: א' שאינו צריך לפסוק שאלות, ב' שאינו צריך לדרוש דרשות, ג' שאינו צריך בכלל לשהות בעירם. ואכן ברוב ימות השנה היה רבי שמחה'לע יושב על התורה ועל העבודה באמשינאוו, ורק בשעה שאינה מן היום ולא מן הלילה היה בסאכיניאוו... כי כל כך היה מופשט מכל ענייני העוה"ז.

פעם אחת הוצרכו לתקן את בנין בית המדרש של העיר שממש מט ליפול, וטיכסו העסקנים עצות ותחבולות איך לגייס כספים מן אנשי העיר, עד שהחליטו לכנס אסיפה מכל תושבי העיר, והמרא דאתרא ידרוש בעת האסיפה, ובגלל שהרב מעולם לא דיבר ברבים יבינו אנשי העיר את נחיצות הענין ויתרמו בכל יכולתם לטובת הענין, אבל כשהגיעו אליו העסקנים מבני העיר להזמינו להאסיפה ואמרו אליו שהוא צריך לדרוש שם ולעורר את הציבור להשתתף בהבנין ולשאת בעול המלאכה, התנצל לפניהם ואמר: 'יאך קען נישט זאגן קיין דרשות, יאך בין נישט קיין בעל דרשן' (אינני יכול לשאת דרשות, אינני בעל דרשן). וקם אחד מן מבני הקהילה ור' יחזקאל שמו, ואמר אל רבי שמחה'לע כי היות שהוא יודע מזה ע"כ כבר הכין 'דרשה' בעבורו אשר אותה יאמר בעת האסיפה. הסכים רבי שמחה'לע לדבר, ואכן לימד אותו ר' יחזקאל הלזה דרשה שלימה. ויהי בבואם אל המעמד נזכר ר' יחזקאל ששכח להזהיר את הרב שלא יאמר הדרשה בשם אומרו – ביודעו גדול תמימותו של הרב. אכן כשאר חשב כן היה והנה עמד רבי שמחה'לע לדרוש, ופתח ואמר: 'אזויווי די ראשי הקהלה זענען געקומען איך זאל דרשה'נען לכבוד די בית הכנסת, האב איך זיי געזאגט יאך קען נישט דרש'נען, האט מיר חאצק'ל געזאגט אז ער וועט מיר אויסלערנען א דרשה, נו האט מיר חאצק'ל אויסגעלערנט א דרשה' (כאשר באו אלי ראשי הקהל לבקש שאדרוש לכבוד בית הכנסת, אמרתי להם כי איני יכול לדרוש, ואמר לי יחזקאל שהוא ילמדני דרשה, ובכן לימדני יחזקאל את זו הדרשה...), וכך המשיך ודרש, ובכל משך הדרשה לא הפסיק להזכיר את שם אומרו, והיה אומר 'חאצק'ל האט געזאגט אזוי' (יחזקאל אמר כך), ובאמצע דבריו אף פנה אל ר' יחזקאל בדבריו ושאל: 'חאצק'ל, איך האב פארגעסן...' (יחזקאל, שכחתי איזה דבר...). אכן, בפתע באמצע דבריו, הרים רבי שמחה את קולו והכריז: 'קדושת בית הכנסת איז אזוי גרויס'! (קדושת בית הכנסת גדולה כל כך!) והתעלף על אתר, וזו היתה כל הדרשה שלו...

>>> המשך מעמ' הקודם

**- דער נפש איז 'רעב'! ער זוכט עפעס הנאות און תענוגים! טאמער וועסטו אים אנפילן מיט גשמיות'דיגע הנאות, וועט עס בלייבן ביי דעם! ער איז שוין אנגעפילט און יעצט קען ער שוין נישט הנאה האבן פון א 'דאווענען' און א 'לערנען'**, ווייל דער נפש איז שוין זאט און האט שוין מער נישט קיין הונגעריגן אפעטיט צו באקומען פון ערגעץ סיפוק. אבער טאמער דו וועסט אים צוגעוואוינען אז מען נעמט נישט קיין סיפוק פון גשמיות! דער נפש צושפרייט זיך נישט אין די גשמיות'דיגע תענוגים! נו אויב אזוי, איז דאך דער נפש נאך געבליבן הונגעריג, דאן וועט ער אויטאמאטיש אנהייבן שפירן א טעם אין א דאווענען און לערנען! דער נפש וועט אנהייבן עסן מיט אפעטיט די רוחניות'דיגע תענוגים און נעמען סיפוק און צופרידנקייט פון דעם! און דאס וועט אים ברענגען אסאך א גרעסערן 'סיפוק הנפש' פון וואס ער האט געהאט אלע יארן אין גשמיות, ווייל דאס איז דער איינציגסטער 'אמת'ער' סיפוק! דאס איז א סיפוק פון א 'חלק אלוק ממעל' - נישט קיין סיפוק פון א 'בהמה'! **א מענטש איז נישט קיין בהמה און ער קען נישט ווערן אמת'דיג צופרידן און גליקליך פון א בהמה'ישער סיפוק - וואס איז 'חיי שעה'** - היינט האט מען הנאה דערפון און מארגן האט מען גארנישט דערפון, דאס גיבט נישט עכטע צופרידנקייט פאר א מענטש! **א מענטש מוז זיך מדבק זיין אין 'רוחניות'דיגער סיפוק' - וועלכע איז 'חיי נצח' - עס איז אן אייביגע דביקות אינעם רבונו של עולם וואס ער איז דער חי החיים אויף אייביג.**

### מען קען צוברעכן דעם חומר - אן זיך פייניגן

א מענטש וואס נעמט נישט קיין סיפוק פון גשמיות - נאר פון רוחניות - אזא מענטש הייסט אז ער האט צובראכן דעם 'חומר'! ער האט טאקע נישט געפאסט און זיך געפייניגט, אבער ער האט צובראכן דעם דמיון פון ליגן אין גשמיות און נעמען פון דארט סיפוק! ער איז געווארן א דערהויבענער מענטש וואס זיין הארץ און געפיל ליגט אים אין א דאווענען און לערנען, און די גאנצע גשמיות איז בלויז א 'טפל' וואס ער נעמט נאר וויפיל עס פעלט זיך באמת אויס פאר זיין געזונט.

### אדער ארויף אדער אראפ

רוב מענטשן וואס ארבעטן נישט אויף דעם, ווערן צום סוף פארטרוקנט און פארלאשן פון עבודת ה'. ווייל **זיי קומען קיינמאל נישט אן צו שפירן א חיות און אור אין תורה און מצוות, ממילא ווערט זייער גאנצער תורה און תפלה זייער טרוקן און מלומדה'דיג.** און עס שטעלט זיך נישט אפ ביי דעם, נאר שפעטער וועט זיי דאס ביסל גשמיות שלעפן צו נאך גשמיות, דאס ביסל 'מותרות' וועט זיי שלעפן צו נאך און נאך מותרות, און עס גייט ווייטער און ווייטער ביז עס קען אנקומען ממש צו פראבלעמען אין שמירת התורה רחמנא ליצלן.

### יעצט אין שובבי"ם ארבעט זיך גרינגער אויף 'שבירת החומר'

אין די וואכן פון שובבי"ם ארבעט מען אויף שמירת הברית - וואס דאס מיינט אויך 'שבירת החומר' - ווייל אין די ליכטיגע טעג איז פארהאן אן עקסטערן סייעתא דשמיא זיך צו צוגעוואוינען צו ממעט זיין אין תענוגי עולם הזה! אין די טעג גייט עס לייכטער און מען קומט אן ווייטער! אז מען וועט יעצט ארבעטן אויף דעם, וועט דער חומר ווערן מזוכך, מען וועט האבן א לייכטן אויסגעארבעטן חומר וואס דארף נישט קיין סאך גשמיות, און מען וועט באקומען א 'סיפוק הנפש' פון רוחניות. און פון דארט גייט עס ווייטער, מען וועט האבן א התלהבות אין עבודת ה'! אן אור אין א דאווענען! מען וועט שטייגן מעלה מעלה ביז מען וועט אריינגיין אין דער פנימיות'דיגער וועלט. דאס **אלעס הייבט זיך אן פון דעם ענין פון 'שבירת החומר' וואס מען טוט אין די איצטיגע וואכן פון שובבי"ם.**

ישר 718.484.2189



מערכת השיעורים
בארה"ב: 718.536.2347
בארה"ק: 072-3323310

כל הזכויות שמורות
למכון תולדות יהודה סטיטשין - להוצאת ספרי כ"ק מרן רבינו שליט"א
**אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת**

**ניתן לקבל מידי שבוע במייל:**
gilyondoeihu@gmail.com
Tel. 718.438.0032 #3